# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Der Natsional-Fund Un Zayn Inspirirndiker Gayst / The National Fund and Its Inspirational Spirit


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5t2052tj



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)



### Author
Henech Berman, Henekh Berman /



### Publication Date
1978



### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

## הענעך בערמאַן

# דער נאַציאָנאַל פאָנד אין מערב ראַיאָן און זיין אינספּירירנדער גייסט

דער מערב־ראַיאָן פון יידישן נאַציאָנאַל פאָנד איז איינע פון די אַקטיוועסטע אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין, טיילוויז צוליב



פרעד קאַהאַן

דער קאָנצענטראַציע פון יידן וואָס זיינען פון פריער און פון אַנדערע געגנטן באַקאַנט מיטן קרן קימת לישראל און טיילוויז צוליב דער דינאַמישער און אינספּירירנדיקער פירערשאַפט פון פרעד קאַהאַן.

מיט דער הילף פון כסדר נאָכפאָלגנדיקע געטרייע קאַונסיל פּרעזידענטן, ווי דער פאַרשטאָרבענער טעאָדאָר סטרימלינג און מילאַן ראָווען, און נאָך דעם פון אַזעלכע פּרעזידענטן ווי אַטוירני דזשאָרדזש העקער, ד״ר אורווינג מאָסקאָוויץ און דער איצטיקער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַל פאָנד אברהם שפּיגל — האָט פרעד קאַהאַן פאַרוואַנדלט די אידייע פון קרן קימת לישראל ווי אַ טייל פון יעדן איינעמס האַרץ און מוח אין אונדזער מערב ראַיאָן. זינט 1952, ווען ער האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון דעם פאָנד אין די מערב שטאַטן, האָט פרעד קאַהאַן געהאָלפן שאַפן אַריבער זיבעצן מיליאָן דאָלער פאַר דער אויסלייזונג און אַנטוויקלונג פון לאַנד אין מדינת ישראל.

די אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַל פאָנד אַרבעט אויף פאַרשיידענע פלאַכן און מדרגות. קודם האָבן מיר די דיוויזיע פון פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַשטייט פון אַרום 110 באַזונדערע לאָקאַלע גרופּן. דאַן האָבן מיר די יוגנט און דערציונג דיוויזיע, וואָס טיילט פאַנאַנדער נאַציאָנאַל פאָנד לערן און דערציונגס ליטעראַטור צו אַלע היברו סקולס פון אונדזער ראַיאָן.

אַ גרויסער טייל פון די טראַדיציאָנעלע געלט זאַמלונגען גייט נאָך אַלץ דורך די באַרימטע בלוי־ווייסע פּושקעס, וואָס מיר געדענקען נאָך פון אונדזער קינדהייט. אָבער אַנדערע גרעסערע פאָנד זאַמלונגען פאַרן איינקויף און פאַרבעסערונג פון לאַנד קומען דירעקט פון בייטראָגן און איינקונפטן בשייכות מיט די טראַדיציאָנעלע חנוכה־באַנקעטן, יערלעכע קאָנפערענצן און ספּעציעלע צוזאַמענקונפטן.

זינט דער צייט ווען פרעד קאַהאַן האָט זיך באַוויזן אין אונדזער מערב־ראַיאָן איז די גאַנצע אַרבעט ווי אויפגעלעבט געוואָרן. די קאַונסיל מיטינגען אין לאָס אַנדזשעלעס„ צום ביישפּיל, ציען צו נאָרמאַל אַן ערך טויזנט דעלעגאַטן. אַרום 2000 באַטייליקן אין די באַנקעטן און די אַנדערע אונטערנעמונגען. פּרעזידענטן, סענאַטאָרן, אַמבאַסאַדאָרן און באַרימטע אָפּערע שטערן זיינען אַלע מאָל גערן זיך צו באַטייליקן אין אונדזערע גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי צום ביישפּיל אין דעם באַנקעט פאַר עליזאַבעט טיילאָר. דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער סענאַטאָר האַמפּרי פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט ביי די אונטערנעמונגען און איז געוואָרן פרעד קאַהאַנס אַ גוטער פריינד.

איין גרויסע אַרבעט וואָס דער נאַציאָנאַל פאָנד פּאָפּולאַריזירט די לעצטע יאָרן איז דער פּראָגראַם פון „אַנואיטי טראָסט״. דאָס זיינען איינמאָליקע אינוועסטמענטס, וואָס ברענגען אַריין אַ לעבנס־לאַנגן איינקונפט. זיי זיינען ספּעציעל נוצלעך און

גוט פאַר עלטערע מענטשן, ווייל די גרויס פונעם איינקונפט ווענדט זיך אין דעם אינוועסטאָרס עלטער. דער פאַונדיישאַן טשערמאַן, הערי שטערנפעלד, צוזאַמען מיט פרעד קאַהאַן, זיינען שטאַרק אַקטיוו אין אַט דער אַרבעט. קאַהאַן שטעקט אַן יעדן איינעם מיט באַגייסטערונג ווען ער דערציילט וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם נאַציאָנאַל פאַנד אין ישראל, די וועלדער וואָס ווערן געפלאַנצט, די גרויסע שטחים לאַנד וואָס ווערן אַפּגערייניקט און צוגעגרייט פאַר נייע דערפלעך און מושבים, די נייע וועגן וואָס ווערן געבויט אין לאַנד. ס'איז אַלע מאָל — זאָגט ער — אַ גרויס פאַרגעניגן פאַר אים זיך צו טרעפן מיט די פריינד פון קאַליפאָרניע און די אַנדערע מערב-שטאַטן; זיי זיינען אַלע איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס האַלטן טייער די אידעאַלן פאַר וועלכע מיר אַלע אַרבעטן מיט האַרץ און נשמה.

## שמואל וויס — אַ בן-שמונים

(המשך פון זייט 81)

„קולטור און דערציונג", „וועקער", „אונדזער צייט", „פאַרווערטס", „חשבון". אַ גרעסערע אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט ער אויך געשריבן אין דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע. אין זיין גאַנצער זשורנאַליסטישער אַרבעט איז דער אַקצענט ביי אים שטענדיק אויף די הומאַנע באַגריפן, פּראַקטישע טאָג-טעגלעכע גערעכטיקייט און דעם אמת. דער סטיל זיינער איז אַ פּשוטער, דירעקטער און קורצער.

אין משך פון די לעצטע צען יאָר וואָס ער וווינט און לעבט מיט אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער טעטיק מיט ראַט און טאַט אין אַרבעטער רינג, יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, יידישן קולטור-קלוב און איז מיט-רעדאַקטאָר פון „חשבון".

אין פאַרבינדונג מיט זיין גאַנצער אַרבעט איז נייטיק צו דערמאָנען די דערמונטערונג און די איבערגעגעבנקייט פון זיין פרוי פלאָראַ, זיין לעבנס-באַגלייטערין טאַקע נאָך פון פולאַוו. פלאָראַ טיילט מיט שמואלן אַלע גוטע מידות און אידעאַלן. זייער היים, פריער אין ניו-יאָרק און נאָך דעם דאָ, זייער געמיינזאַם לעבן איז פול מיט די אידעאַלן פון זייער שיינער יוגנט. עס איז אין פולן איינקלאַנג מיט די גאַנצקייט פון ביידנס פערזענלעכקייטן, וואָס איז געקומען נאַטירלעך צו ביידן.

אויף מיין פראַגע, וואָס עס זיינען די הויך-פונקטן פון זיין לעבן, האָט פריינד שמואל וויס געענטפערט: „איך פיל זיך גליקלעך וואָס נאָך דער היטלער מלחמה האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפן איינאָרדענען עטלעכע הונדערט ניי-געקומענע פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אויף אַרבעט-פלעצער און אויך צו העלפן פיל זיך איינאָרדענען אין זייער פערזענלעכן לעבן." פאַרשטייט זיך — גיט ער צו — אַז פלאָראַ איז געווען מיטבאַטייליקט אין דער טעטיקייט.

ס'איז אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן פאַר זייערע פריינד צ באַגריסן שמואלן און פלאָראַן, וויס ביי אַזאַ יום-טובדיקער געלעגנהייט.

ס. נוטקעוויטש

אַבאַנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו-יאָרק.

אַבאַנימענט: $5.00 אַ יאָר